## אמת

וואָס איז פּשוטער פון אמת? וואָס איז טיפער פון אַ סוד?
ווער האָט דעם מענטש פון ערשטן טרויער דערציילט?
פון ערשטן טרויער האָט דערציילט דער ווינט — די פּלייט.
דעם גורל פון מײַן פֿאָלק האָט אויסגעקלאָגט דער ווינט — די פּלייט.
וואָס פּשוטער דער אמת, אַלץ טיפער דער סוד.
ווער ס'האט צום ערשטן מאָל דערזען די זון — די ערשטע ראָד,
האָט דערזען דעם פּשוטסטן אמת — דעם טיפסטן סוד.
וואָס פּשוטער דער אמת, אַלץ טיפער דער סוד.

---

## משיח

איך ווייס טאַטע, משיח וועט קומען פון מיכאַלעשיק,
וועט אויף אַן אייזעלע רײַטן דורך סוויר און דורך סווינציאַן,
דאָרט וואו די הייליקסטע ערד אויף דער וועלט איז פֿאַראַן.

איך ווייס מאַמע, משיח וועט קומען פון מיכאַלעשיק,
ווײַל אין גן־עדן געבליבן איז מיכאַלעשיק
און מיט די וואָרצלען איבערגעקערט ליגט אין הימל סווינציאַן
דאָרט וואו די בענקשאַפט איז ווי גאָט, אָן אַן אָנהייב, אָן אַ ברעג
וועט משיח קומען, אוי, מיכאַלעשיק, אוי סוויר, אוי סווינציאַן.

---

## עלטשיק

און עלטשיק שוין נײַע מעשהלעך דערציילט —
ווי אין דער זון איז די נאַכט אַרײַן,
יעדן שטראַל — אין ווײַן צעגאָסן,
און פון דער זון געלאָזן — אַ בלוטיק טראָפּנדל שײַן.

נאָר פאַרטאָג,
ווען ס׳האָט די קראַנקע זון זיך אויסגעהיילט,
האָט זי מיט אַלע שטראַלן — אין מתים־קרוין געשאָסן,
איז די נאַכט געפאַלן,
און ס׳איז די זון, אין פײַער אָנגעטאָן,
דורך יעדן פּינצטער שפּעלטעלע געגאַנגען,
ביז אויף גאָר דער וועלט —
איז איר ליבע און איר פּורפּור אויפגעגאַנגען.

דורך דעם פראָסטיקן אָוונט, די טויטע זעלנער שײַנען.
דאָס פעלד טונקלט מיט מתים־אַש אין לעשנדיקן ליכט.
דער אָוונט ווײַזט. אין וויפל פאַרבן
ס׳ווען פון דעם אַש זיך מיניען געריבטע ווײַנען;
און ס׳ווײַזט דער ווינט,
ווי דאָ וועלן רוישן — הויכע, טרויעריקע גראָזן,
ווען יעדע מאַמע וועט אין חלום נעמען —
איר זונס פאַרשוואונדן געזיכט.

---

## אויף מײַן ניו־יאָרקער גאַס

אור־
אַלטע
מויערן,
מיד פון שטייען
דאָ דורות האָבן
אַליין צום טויט זיך פאַר־
משפּט. מיען זיך אַליין
די ציגל צו צעוואַרפן. האַרבסט.
דער ווינט רײַסט אויף די ביימער קריעה.
געבויגענע שלעפּער זוכן מזל

אויף שטיינערנע געלעגערס, אין פֿאַרלאָזטע
חורבות, ווײַס גרעט דערמאָנט אין תכריכים. גרעט⸗שטריק,
ציִען זיך ווי צויבער⸗שלאַנגען. די שטאָט קלעטערט דורך
אײַזן און חלום, הימל און שטאָל. אָוונט. אַ זונה
אַ קהלשע ליאַלקע, אַ בעטלערישע פּרוטה, ווערט זי
אין בין⸗השמשות אינגאַנצן גאָלד. פֿון בענקשאַפֿט ווערן מײַנע
פֿינגער גרוי. אַפֿילו גאָט, אויף מײַן גאַס, שטאַרבט פֿון אייביקן עלנט.
א פֿלאַטערל, אין שפּינוועבס געפֿאַנגען, זאָגט ווידוי מײַנע לידער.

---

## יידיש⸗קודש

יידיש, ווי מײַן מאַמעס אָנבליק פֿאַרגייט קיינמאָל ניט. יידיש
איז אין איר גרויער שטוב, די ליכטיקע מלכה שבת,
איבער איר אָרעמער „אַלדאָסגוטס“, די געבענטשטע
ליכט. יידיש, מײַן טאַטנס הימל, נאָענט ווי די ערד,
דעם ישיבה⸗בחורס גמרא ניגון,
מײַן באָבעס טרער פֿון האָפֿענונג, דער צער
פֿון מײַן מומע ביילקעס פֿאַרבראָכענע
הענט. ווער קען האָלט האָבן ביז דער
טיפֿסטער טיף, אָן האַס קעגן
שונא, אָן דעם זיידנס
מעסערדיקן מוסר?
מאַמע⸗יידיש,
אוי, יידיש⸗
קודש.

---

# שונא פון יידיש — שונא פון מייַן פאָלֿק

יידיש איז אַ געוועזן שטעטעלֿע פון לֿיטע צי פון פּוילֿן.
אין יעדער חורבה פּוסטעווען פרי=פאַרשניטענע יאָרן.
דאָ שוועבט נאָך אַ מזלֿ, ווי אויף צעבראָכענע פלֿיגלֿ,
דאָרט בענקט אַ שפּילֿכלֿ נאָך אַ געוועזן קינד.
דאָ שרעקט אַרויס די פּוסטקייַט פון אַ לֿיידיקן וויגלֿ.
האָרך, דאָ זוכט דעם זינגער — א ניט דערזונגען לֿיד.
דאָרט שטומט אַ וואָרט — אַן אָפּגעהאַקטע צונג,
דאָ יאָמערט אַ וואָרט — פון שעכטער ניט דערקוילֿעט.
דאָרט רייַסט אויף אַ וואָרט — א בראַנדיקע וואָרנונג, —
אַ קלֿלֿה אַזאַ וואָס פאַרקילֿט דאָס האַרץ פון פאַררעטער.
דאָ טאָגט אַ וואָרט — אַ פירנדיקע שייַן: אַן עמוד אש.

יידיש, אוי מאַמע=לֿשון, אוי, טאַטע=לֿשון,
דורך דאָרנדיקע דורות — אַ געיאָגטער וואָגלֿער,
ווי מייַן פאָלֿק אויף יעדן וואַנדער=וועג דורכגעטריבן,
איז שטעכיק פון מייַן פאָלֿק דאָס צאַרטע לֿשון,
איז יידיש בראַנד און צאָרן פון טויזנט יאָר וואָגלֿ —
איז יידיש — אַ דאָרנדיקער יאָרטויזנט דורך דעם שונאס אויגן, —
ברעכט יידיש, ווי מייַן פאָלֿק — יעדע קייט, יעדן שלֿאָס,
קען קיין ייד אָן יידיש זייַן פאָלֿק ניט האָבן לֿיב,
ווי ס'קען קיין שפּאָן קיין זאַפּט פון וואָרצלֿען ניט זויגן, —
איז דער שונא פון יידיש — דער שונא פון מייַן פאָלֿק.
יידיש, אוי, טאַטע=לֿשון, אוי, מאַמע=לֿשון.

# אַ צימערל

מײַן דרײַ־פּיסיקער טיש, ווי אַ הינקענדיקער בעטלער אויף
קוליעס איז אַ ליד פון מײַנע לידער. קעגנאיבער,
אין אַ פֿאַרלאָזטער חורבה וואַלגערן זיך שטערן אין
די שפּאַרעס פון אַ זונהס וואַנציקער בעט.
אַ מענטש בײַ אַ מיסט־פּעסל, זוכט אַ מאכל
מיט טעם פון מאַרציפּאַנעס.

---

# אין טויזנט יאָר אַרום

איך האָב געזען די וועלט אין טויזנט יאָר אַרום:
דער פויגל האָט זײַן ליד אויף אַ האָר ניט געביטן,
די בינען, ניט מיד פונעם זעלביקן זשומען.
די שיינקײַט, דאָס ליד און די חכמה עלטערן זיך ניט.

איך האָב געזען אַ גאַס אין טויזנט יאָר אַרום:
וואָלקנס מיט סחורה באַלאָדן — הימלשע קאַראַוואַנען.
דער „עמפּײַער סטייט“ — דער קלענסטער קאַרליקל,
יעדער שטראַל א פּילאָט, יעדער ווינט — אַן עראָפּלאַן.

טוען יידן איינע די אַנדערע זיך אַ פרעג: „פונוואַנען?“
„פון מדינת מאַרס, ניטאָ ר׳ ייד קיין נײַע גליקן,
אין אַ ברייטן שלום עליכם איז מער וואונדער פֿאַראַן,
ווי אין די קעלבערנע התפּעלות פון אַ פליענדיקער בריק“.

„גערעכט. איך גיב אײַך אַוועק אַלע קונצן, אין הויכן און אין תהומען,
פֿאַר איין קילן שאָטן פון אַ קרומען עפּלבוים.

איך גיב אײַך אוועק אַלע צילינדערס פֿון אויסגעפּוצטע לשונות,
פֿאַר דעם רויען רויש פֿון געשמאַקן מאַמע לשון".

איך האָב געזען די וועלט פֿון טויזנט יאָר אַרום.
איך האָב דערהערט אין ווינט — אַ באַקאַנט געוויין.
איך האָב געזען אַ פּחד אין פּנימער פֿון בלומען,
אַ שטיין האָט דערמאָנט פֿון פֿאָנאַר — אַ פֿאַרשטומט געשריי.

# דער שלאָס

דער פֿויגל האָט מיט קיין שלאָס נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרשעמט זײַן נעסט.
און ס'וויל קיין פּרוכטבוים פֿון קיינעם זײַן פֿאַרמעג ניט פֿאַרשליסן.
אברהם אבינו האָט ווי מלאכים באַגעגנט געסט.
אָ, זאָל דער שד — די טיר, ווי ס'האַרץ פֿון אַלעמען פֿאַרשליסן.

אַז די שווערד איז נאָך געדעכט דערמאָנט אַ שלאָס אויף יעדער טיר.
אַז דער שלאָס איז נאָך דאָ, איז נאָך דאָ גאַל אין אויג, קללות אין מויל,
איז קראַנקער פּחד דאָ, איז דאָ אַ שלאָס אויף די געהירן,
הייסט דער חושך אונדז האָפֿן, לערנט אונדז „לא תרצח" — דער קוילער.

אוי, דער שלאָס, ווי פֿון אַ פֿאַרשאָלטענעם געדולד געגאָסן,
שמידט וויַט און צײַט אין אײַזן אײַן: רגע נאָך רגע, דור נאָך דור.
אַזויפֿל דורות שלײַדערט דער מענטש שטורעם נאָך שטורעם — קעגן שלאָס.
זע, אָט ברעכט דעם שלאָס — דעם שטומען פֿײַניקער: פֿײַער און צאָרן!
+
הינטער אונדז, אַן אוראַלטע האַנט איז גרייט די זון אַליין אַ שאָס טאָן, ווי אַ קויל.
אַנטקעגן אונדז, זע איך דעם לעצטן שלאָס — די לעצטע קללה, אין אַ מוזיי גרוילן.

# אָלגין, זע

אָלגין, זע:
וויפֿל גלידער אין יעדערן פון אונדז, אַזויפֿל וואונדן
און וויפֿל טומאה אין דעם שונאס גוף, אַזויפֿל היענע=שמייכלען.
פֿאַר אונדז איז אויך דײַן טויט—
דורך ווענט פון דיקן, גרויזאַמען חושך — א פֿאַקל אַ צעצונדענער.
...
און כאָטש ס'ווילט זיך אַצינד,
מיט געבראָכן געמיט, איבער דײַן ארון זיך פֿאַרקלײַבן
און זיך צעקלעמען ווי אַ קינד
און לאָזן נאָר די אויגן – לידער פון טרערן שרײַבן;
און כאָטש ס'ווילט זיך אַצינד,
איבער אונדזער גרויסן בראָך פֿאַרברעכן די הענט
און ווי אין אַ וויסטן חלום קאָרטשען זיך פֿאַר די אייגענע פיר ווענט,
ניט צו דערפרייען דעם שונאס פינצטער בלוט, —
וועלן מיר, ווי דו, מיט שטראַלנדיקן האַס צעצינדן דעם מוט!
אין אַ פּראָסטן דינסטיק האָסטו דײַן לעצטן זונפארגאַנג געזען,
נאָר ס'קען דעם פרילינג ניט פֿאַרשטומען דער טרויעריקער ארון.

אָלגין, זע:
וויפֿל לעבעדיקן פֿלאַם קעגן שונא, וועט נאָך שלײַדערן דײַן צאָרן.
ווי בראַוו וועסטו נאָך זײַן — דאָרט וואו דײַן שלאַכטפעלד איז געווען.

ס'בלײַבט דײַן וואָרט — א לויכטנדיקער וועכטער.
אין אונדזער יעדן שטורעם, וועסטו מיט אונדז נאָך שטורעמען
און וועסט נאָך העלדיש פעכטן אין אונדזער יעדן קריג.
וועסט נאָך די פֿאָן פון שלאַכט צו שלאַכט פֿאָראויס נאָך טראָגן,
ביז ס'וועט פון אַלטער פינצטערניש, נײַע זון זיך פורעמען.
ס'וועט דײַן טויט דורך אונדז אייביק טאָגן.

דו ווּעסט שטענדיק הילכן דורך אונדזער געלעכטער.
דו ווּעסט שטענדיק זיגן מיט אונדזער זיג.

---

## אַ קללה דער איינזאַמקייט

פֿאַרשאָלטן זײַ, אָ, איינזאַמקייט,
סײַ אין גרויען צימערל,
סײַ אויף ברייטע, וואַגאַבונדישע וועגן.
איך האָב דיך, אָ, איינזאַמקייט,
די פֿאַרבענקסטע יאָרן מײַנע —
אָנגעטרויט.

וויפֿל מאָל האָב איך,
ווײַט פֿון מענטש, פֿון זון, פֿון וועלט,
מיט דיר, אָ, איינזאַמקייט פֿאַרשלאָסן זיך אַליין
און מיט דעם קראַנקן שאָטן פֿון אַ ליכטל דיך פֿאַרשפּילט,
כאָטש געבלענדט האָט ניו־יאָרק: אַ פֿעלדז אַזאַ פֿון טרוים און ליכט.

איך האָב געזוכט אַ שפּור פֿון מײַן חלום,
דורך די צינישע פֿײַערן פֿון דער נאַכטיקער שטאָט,
איז אַ פֿאַרדעכטיקטער חושך געקומען מיר אַנטקעגן.
איך האָב געזוכט דעם זין פֿון פֿרייד, אין אומרו פֿון וואַנדער
און באַגעגנט בלאָנדזשענדיק, אַן אויסגעלאַכטן — גאָט.

איצט גיב איך אײַך אָפּ אַלע מאַניענדיקע ליכטער,
פֿאַר אַ ליכטיק וואָרט וואָס קען דאָס טריבע האַרץ צעשײַנען.
איצט גיב איך אײַך אָפּ אַלע חנען פֿון בלום און בוים און קוואַל,
פֿאַר אַ נאָענטן בליק פֿון אַן ערשט געקומענעם פֿרײַנט.

איך האָב געהערט א האַרף אַזאַ דורך אַלע דורות,
אין אַ לאַנג=געגאַרטער, דערוואַרטער מינוט, —
איצט גיב איך אײַך אָפּ — בעטהאָוונס געטלעכע סימפּאָניעס,
פֿאַר דער גוטער בשורה וואָס עס ברענגט אַן איבעראַשנדיק קול.

---

# און אפשר מײַן קינד

דאַרף מען זײַן אַליין אַ פויגל,
כדי די שפּראַך פון פייגל צו פאַרשטיין;
און אפשר מײַן קינד,
דאַרף מען זײַן אַליין — אַ שטיין,
כדי מיט דער שטומקײַט פון שטיינער צו ריידן:
נאָר ס׳קען דאָך פארשטיין אַפילו אַ הילצערנער נאַר, —
אַז ווען ס׳איז ניטאָ קיין צער,
איז ניטאָ וואָס צו דערציילן אין פריידן.

---

# זושע אין קוזניע

נעם איך דעם עלנט פון צעפראָרענעם זושע
אין אָנגעהייצטער קוזניע פון אַרבעטער=פּאָעט,
שמיד איך פון פראָסט צעצונדענעם האַס:
שמעלצן זיך פערזן אונטער בראַזג פון האַמער,
פינקלען ווערטער אויף בריענדיקער קאָוואַדלע,
איז הייס דער שטאָל פון אָנגעגליטע לידער,
בייגן זיך שורות – אָנגעברענטע שטאַבעס,
און ווערטער שטעלן זיך אין ריי, ווי הוילע פראָנטאָוויקעס;
נעם איך דעם עלנט פון צעפראָרענעם זושע
אין אָנגעהייצטער קוזניע פון אַרבעטער=פּאָעט,

שמיד איך פון פראָסט צעצונדענעם האַס:
איז יעדעס וואָרט מיט שרויט געלאָדן
און יעדער אות שטייט הויל אין פײַער —
זײַנען לידער — צאָרנדיקע באָלשעוויקעס,
און שטרענגע ווערטער ווייסן:
אַז מען דאַרף, איז מען שמידן —
און אַז מען דאַרף, איז מען פּיקעס.

---

# אַמאָל איז געווען אַ מעשה

אַמאָל איז געווען אַ מעשה:
אַ פאַרויכערט שטיבעלע, ווי פון וואָלקנס געבויט.
אויף דעם ערדענעם דיל — אַ פאַרלאָשענער הימל.
אין נאָענטן בית־עולם וואוינט דער טויט —
מיט א גוף פון גראָז, מיט אַ האַרץ פון שימל.

צו אַ שוואַרצן ערגעץ־ניט. די כמאַרעס רײַזן,
באַגעגענען דעם פּײַנט — די ווײַטע שײַן.
דורך די פענצטערלעך, די אייביקע הויכן ווײַזן,
ווי אייביק־אייביק. ס׳וועט אונדזער ליבע זײַן.
די גריל ווערט ניט מיד די שעהן צו זעגן,
אַן אומעטיק גראָז פון אונטער אַ שטיין,
רײַסט זיך פרעגן —
צי ס׳איז זומער אויף דער וועלט,
רײַסט זיך הערן — אין גריל דעם אייגענעם געוויין.

---

# די תפילה פון באַראַבאַן

— וויי, שרייַט דאָס בלעך פון באַראַבאַן,
ווי זאָל איך אויסבענקען די וואָלקנס,
אַז ניט דער רעגן —
נאָר אַ האָגל האַרטע רייד פויקט אין מיר.

— קום אָ אומעט, קום אָ ליבסטער, קום,
ווייַל אַנדערש איז אָן דיר מייַן פרייד — פון פרייד,
ווי אַנדערש ס'איז — אַ דופטיקע פינצטערניש אין פרייַען פעלד,
פון פאַרמשפטע פינצטערניש — אין טויטן־קאַמער,
— אַ טרויעריקע פלייט,
גיב אַ טונקלקייַט וואָס נאָגט ביז לויטערסטן שייַן —
אַ שייַן וואָס נעמט אַדורך ביז טונקלקייַט.
אָ גיב אַ פרייד וואָס שוידערט אויף ביז טרערן,
אַ פרייד — אַ טרויערנדיקע פלייט,
וואָס הייבט די טיפן אויף
און טראָגט זיי ביז דער בענקענדיקסטער הויך אַרויף,
אָ גיב אַ פייַן וואָס זאָל יום־טובן די וואָך.

---

**בראַווער פחדן** (פראַגמענט)

אָהאָ, בראַווער פחדן, דייַן פויקנדיקער רוף
וועט געוויס פון דרימל, אַ ציטעריק העזעלע וועקן,
נאָר איך וועל צום שלאַכט ניט פירן —
מייַן ליד, מיט שטרויענעם גוף,
אויב אַפילו טויזנט מאָל רויט צעצונדן,
מיט גבורה פון שטרוי, ווי קען מען בערג רירן?
דעם מעכטיקן פייַנט, ווי וועסטו שרעקן,
אויב אַפילו, ער זאָל אליין זיך בינדן.

דײַן וואָרט — אַ מילב מיט פאַנטאַסטישן פּויסט,
מאָנט פרייד — אַ פלאָקן די גרויס,
וואָס קען נאָך אומעטיקער זײַן?
פון גרויע רייד — אַזאַ שטורעם,
ווער קען דערהערן?
מיט האַרץ פון שטאָל, מיט רואיק בלוט,
ווי קען מען שווערן?!

---

# אָי, מיכאַלעשיק

איך בין די באָבע — מיכאַלעשיק.
פון מײַן מאַמעס ברוסט האָב איך געזויגן,
פון „ברענענדיק שטעטל“ — די צעצונדענע שרעק.
איך בין די באָבע — דלות, איבער אַ תחינה געבויגן.

איך בין די באָבע — דלות:
דאָס האַרץ פון אַ בלוי עופעלע דורך בלענד פון פראָסט.
...
איך בין די באָבע — פאַרגאַנגענהײַט,
נאָר גאָט קען ריידן פון אַזוי ווײַט
אויב מײַנע טעג זײַנען ראָסט, אינגאַנצן ראָסט,
האָט די צײַט פאַרבלוטיקט דעם ראָסט.

איך בין טויט, שוין דורות טויט,
נאָר דורך מײַנע אייניקלעך, בין איך דער טויטנדיקסטער צאָרן —
קעגן הָמָנען און טאָרקוועמאַדאָן.
איך בין נאַכט, שוין דורות נאַכט,
נאָר אין וואונדן פון מײַן פאָלק אָנגעטאָן,

בין איך דער טאָגנדיקסטער טאָג,
וואָס וועט די נויט, דעם שד און דעם חושך פאַריאָגן.
...
מײַן שטיבל איז אָרעם, מײַן שטיבל איז גרוי.
אַ פינגערל זון — אַ רעדעלע אומעט,
ווי אַ צעטראָטענע רויז, די גרויס—
דרייט אַרום מיר זיך אַרום, —
נאָר דעם אייבערשטן אַ דאַנק און אַ לויב,
ס'האַרץ איז ניט אָרעם, ס'האַרץ איז ניט גרוי.
זע, אויף די לאַטעדיקע שויבן,
אַזאַ צויבערדיקע נאַכט איז אַרויס—
אַ נאַכט מיט פייגל, מיט ווינט, מיט פלאַטערדיקן וואונדער,
מיט ליכט געגנוג, אין ערשטער שעה צו טאָגן.
אָי, ווען כ'זאָל נאָר מײַן אייניקל,
פאַר די געסט — די שטערן,
מער כיבוד — מער פענצטערלעך פאַרמאָגן.

---

## די צוואה

גאָר מײַן ליבשאַפט פאַר דיר, ביז מײַן צאַרטסטער טרער, הירשע־דוד,
מײַן זון, טרעט צאַרט אויף שטויב, איטלעך שטויב ווי אַ וואונד טוט וויי.
דער שטויב אונטער דײַן פוס שווײַגט אויס דעם יאָמער פון דער
שחיטה אין סווינציאַן, שטומט אויס די צוואה פון
קברימלאָזע יידן: ברודער, מיר זײַנען
אַש און פאָרעך, פעך און שוועבל, טשאַד פון
גאַז־אויוונס. דורך דיר זאָל אייביק וואַקסן
אונדזער צאָרן קעגן שונא.
הער אין יידיש אונדזער קול.
מיר זאָלן ניט ווערן
קיין מעשהלע פון

אַמאָל, ניט קיין
קדיש נאָך
דײַן פֿאָלק.

---

## אויף מײַן מצבה

ברידער, שוועסטער מײַנע:
דאָ וואו יידיש שטומט,
ווי אָט דער שטויב פֿון מײַן קבר,
דאָרט האָב איך קיינמאָל ניט געלעבט.

דא וואו יידיש וויינט,
ווי דער אַש פֿון מײַנע שטעטעלעך —
אוי, מיכאַלעשיק, אוי, סווינציאַן —
דאָרט וויינט מײַן טאַטע און מײַן מאַמע,
דאָרט הער איך קיינמאָל ניט אויף וויינען.

דאָ וואו יידיש לאַכט,
האָפֿערדיק, ווי פֿרילינגדיקער ווינט,
דאָרט לאַכט מײַן טאַטע און מײַן מאַמע,
דאָרט הער איך קיינמאָל ניט אויף לאַכן,
דאָרט הערן מיר קיינמאָל ניט אויף לעבן.